# דער נסתר

## נערף

– מה הכוונה? להכתירו?
– וראשו של מי פנוי עתה לכך?
שלו ודאי לא!
הוא חש בו ביותר...
והוא נוטל גרם־אצבעו הכפופה־במקורש והצנומה וחובטו באמצע מצחו. זח בקפיצה מיכסה־ראשו־וגולגלתו, כמיכסה־קופסה, נפתח, ויוצא משם הליצן שלו, מיחוש־ראשו – טרזן, הדרן־נוסח־מומוסים ומכיס מעילו עליון נבלטת מימחטה, לבנה ומוּרחה מי־בושם, והוא שולפה בחטף, מקפלה בחפזה, וניגש אל צדעיו ואל עיניו הלאות־עצומות, מרטיבם, מבשמם ומפייג את מיחוש־ראשו...
– מה שלומך, אדם? – מקשה הליצן.
– הוטב; אבל מוטב שלא הייתי רואה אותך לעיני.
והשעה שעת־לילה והיא כבר קרובה לחצות־לילה, והחדר, שאדם מצוי בו, הוא גדוש אור, אור מנוריות התלויות ויורדות מן דתיקרה; והליצן שלו לא יצא מראשו לבדו אלא על מכשיריו על סדינו לפרשו על הקרקע ועל מקלו מקל־להטיו. כבר עתה סדינו פרוש על הקרקע והליצן – דרויש נע־ונד – יושב עליו, לבוש איצטלת־בד ולפניו קערית לנדבות, רגליו מקופלות תחתיו ומקלו מוטל לא־הרחק.
– מה העניין?
– רצתי לדבר עמך עכשיו על כתרים; כיצד הכתרים נעשים קוצים.
– חתום דבריך, כבר דובר ונגמר.
– ואף כיצד קוצים, סוף־כל־סוף, פוסקים מהיות קוצים.
– ידעים זאת ממילא.
– ושהראש לא נברא אלא לשם מיחושו, זו תעודתו וזו הצדקתו היחידה.
– נאה מאוד!

– וכי שלך מוצדק. ואני .רתו אמונה, ותפקידי חשוב, ואני מקיימו
כהלכה.
– ניחא!
– וכשתספור ותמנה את עצ· ותבוא חשבון, מה ישתייר לך בעולם זולתו
הוא וזולתי אני? אפס!
– מזלי־וחילופו, ומה רצונן
– הַב משהו לקערית... תמ :דרויש המיסכן שלך, הוא מהַלך על פני
מדינתך ועל פני עריך ויכול ־פר לך הרבה על אחוזותיך, תשתעה עמו.
– משתעה אני, נו?
– בזמן האחרון הייתי בעיר ־ה שלך, בבאגדאד שלך, ביום־שוק וביריד
גדול, נשאו־ונתנו וסאנו ש· ארוכה וכתום המשא־ומתן וכשוך היריד,
התקבץ הקהל אגודות־אגוז ·עיגולים־עיגולים, דיבורם גילגל בך, אדוני־
המדינה: טוב, אמרו, ויאה, לגמול לו טובה. – ׳במה?׳ – וכל העיגולים
הקטנים נעשו מעגל גדול, ו ־ר רוב שיחות ונאומים נְאוּמָנים, נמנו וגמרו

החוג לספרות עברית
לשיעור ב-15 [illegible] דוד רוסקיס

דער נסתר / [illegible]

וואָס מיינט מען? איך קרוינען?
– וועמעס קאָפּ איז דען איצט די רײַ?
זיינער געוויס ניט!
ער טוט אים ווי זעהר...
און ער נעמט מיט אַ שטייף־אויסגעבויגן און דאַר פינגער־ביינדל און טוט זיך אין מיט שטערן אַ זעץ. שפּרינגט ביי אים דאָס קאָפּ־און־שאַרבן־דעקל, ווי דאָס דעקל פון אַ פּושקע־אָפּ, עפנט זיך אויף, און ס׳קומט פון דאָרט זיין קאָמעדיאַנט, זיין קאָפּ־ווייטאָג אַרויס – אַ פראַנט, קאָמעדיאַנטיש־עלעגאַנט און פון דעם טאַש פון זיין אויבער־רעקל שטעקט זיך אַ טיכעלע אַרויס, אַ ווייס און מיט אַ פּאַרפומען באַשמעקט, און ער כאַפּט דאָס אַרויס אויף גיך, קנייטשט דאָס צונויף איילנדיג, און ער גייט צו זיינע שלייפן און צו זיינע מאַט־פאַרמאַכטע אויגן צו, באַנעצט זיי, באַשמעקט זיי און זיין קאָפּ־ווייטאָג פאַרגרינגערט...
ווי פילסט זיך, אָדם? – פרעגט דער קאָמעדיאַנט.
– בעסער; אָבער בעסער וואָלט איך דיך אין די אויגן ניט געזעהן.
און איזן איז דעמאָלט אויף דער נאַכט און שוין נאָהענט צו האַלבע נאַכט, און דאָס צימער, וואו אדם געפינט זיך, איז פול מיט ליכט באַלויכטן, פון לעמפּעלאַך, וואָס הענגען פון דער מיט סטעליע אַראָפּ; און זיין קאָמעדיאַנט איז ניט אַליין פון קאָפּ אַרויס, נאָר מיט מכשירים זיינע, מיט אַ ליילעכל אויף דער ערד אויסצושפּרייטן און מיט זיין פאָקוס־שטעקעלע זיינע קונצן צו מאַכן. ליגט שוין איצט דאָס ליילעכל אויף דער ערד אויסגעלייגט, און דער קאָמעדיאַנט אויף דעם – אַ וואַנדערנדיגער דערוויש – זיצט, אין אַ לייווענטענעם כאַלאַט און מיט אַ שיסעלע אויף נדבות, די פיס אונטער זיך און זיין שטעקן ניט ווייט אַוועקגעלייגט.
– וואָס איז?
– כ׳וויל מיט דיר איצט וועגן קרוינען רעדן: ווי קרוינען צו דערנער ווערן.
– פאַרשפּאָרסט, מ׳האָט שוין אָפּגערעדט.
– און אויך ווי דערנער, סוף כל סוף, אויס דערנער ווערן.
– מ׳ווייס עס אַליין.
– און אַז אַ קאָפּ איז נאָר – ער זאָל ווי טאָן – געמאַכט געוואָרן, דאָס איז זיין באַרוף און זיין איינציגע באַרעכטיגונג.
– זעהר שיין!
– און אַז דיינער איז באַרעכטיגט, און איך דין געטריי דיינעם, און מיין פונקציע איז אַ וויכטיגע, און איך פיר זי אויס, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין.
– אָנגעלייגט!
– און אַז דו וועסט זיך איבערציילן און דעם חשבון מאַכן, וואָס נאָך אויסער דעם און אויסער מיר וועט דיר אויף דיין וועלט בלייבן? גאָרניט!
– גליק און שלים־מזל מיינער, איז וואָס־זשע ווילסטו?
– גיב עפּעס אין שיסעלע... האַלט דיין אָרימען דערוויש אונטער, ער גייט איבער דיין לאַנד און איבער דיינע שטעט אַרום און ער קאָן דיר פיל וועגן דיינע גיטער דערציילן; פאַרברענג מיט אים.
– פאַרברענג איך, נו?
– פין איך די לעצטע צייט אין דיינער אַ גרויסער שטאָט, אין דיינעם אַ באַגדאַד געווען, אויף אַ מאַרק־טאָג און אויף אַ יריד אַ גרויסן, האָט מען געהאַנדלט און געטומלט לאַנג, און נאָכן האַנדלען און נאָכן איינשטילן זיך פון יריד, האָט דער עולם אין בינטלאַך און אין רעדלאַך זיך צונויפגעקליבן, מ׳האָט וועגן דיר, וועגן האַר פון לאַנד געשמועסט: ער איז וואויל, האָט מען געזאָגט, און גוט, און מ׳דאַרף אים באַגוטיגן. – „מיט וואָס?״ – און אַלע קליינע רעדלאַך זיינען זיך אין איין גרויסן ראָד צונויפגעגאַן, און נאָך לאַנגע שמועסן און רעדעס רעדנערשע, האָט מען באַשלאָסן

– ריפאתי אותה כמה זמן, מעשה־קדר ומעשה־דוקטור, והיינו ברוב מקומות־מרפא. ולא עזרה איש. ועתה שמעה על האומן, ועל אדם, וכי אדם חולה כאותו חולי גם הוא, התחנה לבוא לכאן, כדי שיפנו, היא ואדם, לאומן.

– הַרְאֶנָּה.

ועתה מסירה הברייה את המפה, ומתוך הקדרה, מפנימה, כדבר־גומי קופץ, מגיח אדם שני, כתאומו, קופץ אל אדמה, וניצב ועומד, כנגד אדם ופנים־אל־פנים.

– מה כאן? – פונה אדם אל הברייות, תר סביביו, מביט, מתבונן בהם ומפליאם, ופונה בעיקר אל הראשון, אל הליצן שלו:

– מה כאן?

– אל תתיירא, אין כל מאום, עוד אחד חולה וחבר־לחוליך, וההוא, שהביאו לכאן, הוא כמוני לך, אך משרת לו... הביטה בו.

ואדם מביט בברייה, שהביאה את החולה, ורואה: אמת, הברייה ומשרתה דומים זה־לזה, והחולה והוא עצמו – חוורים ונשנים, ומה שמתרחש לפניו, אינו מחוור לו, ומה שמתחולל לעיניו, מתערבב בראשו, ומה פירושו ומה משמעו, ומה תאומים הם, ומה עירבוביה היא?

– מה כאן?

– אל תתיירא. ואין אנו יחידים וכמוך וכאלה (ראה!) כמוך מרובים, וכאלה (ראה!) אינם מעטים ומועטים.

ואדם מביט ורואה: – קירות חדרו מתפרדים ומתפרקים קימעה־קימעה, וחדרו נעשה כמין אולם, והאולם גדל והולך, וכבר הוא דומה כשדה גדולה, והשדה מלאה בני־אדם לרוב, ובני האדם כל עצמם אֲדמים בלבד ומשרתים בלבד, וכולם מעורבבים, והקהל כל עצמו שני מניינים... והאֲדמים נראים כבדי־ראש הרבה, עייפים וחיוורים, והמשרתים - חיוכי־משרתים על שפתותיהם... ואור גדול מאיר את הכול, והשעה כבר מאוחרת וחצות־לילה קרוב. ובבת־אחת – ועיני הכול נפנות, ועל פני כל הקהל לחש עובר, ובעיני־הכול ובלחש־הכול מורגש: – 'האומן! האומן!' – ... ופתאום ומעל ראשי־הכול, גבוה ושרוי באוויר, האומן מתגלה... וכל האדמים רואים ונפחדים, אין כוח עמידה ברגליהם והם נופלים ארצה; וגם המשרתים יראוהו, בנפול אדוניהם על ברכיהם, אבל המשרתים עומדים, ומביטים בבוז על אדוניהם... ועל שפתותיהם מתפשטים החיוכים וגדלים, גדלים ומוסיפים כדי צחוק גדול, והמשרתים צוחקים וצוחקים, והמשרתים אוחזים מרוב צחוק מתניהם:

– בני עגלים! אדונים־אוילים!...

– ליצנים! – זועק אדם ולא־בקולו, נפחד ומחולחל. ועיניו גדלות ונראות כזגוגיות קרושות, ריקות ושוממות. ופתאום נזכר, ובידו חבט מצחו, ומיכסה־ראשו־וגולגלתו קופץ מעליו, כקפוץ מנעול צר. ועתה, בפנותו לליצן העומד קרוב אליו, הוא מראה, בדרישה ובפקודה, אל ראשו הפתוח:

– היכנס!!

והליצן נשמע, והליצן נפחד מפקודת אדוניו, ונבהל ונכנס לתוך הראש ומניח לו למיכסה שייסגר מיד.

עד מהרה והשדה שוב אינה שדה. ורוב האדם נעלם מעל פני השדה, והקי־

האָט זי זיך געהיילט א צייט, געטאָטערט און געדאָקטערט און אין פיל היילערטער אויסגעווען. האָט איר קיינער ניט געהאָלפן. און איצט האָט זי וועגן מייסטער געהערט, און וועגן אדמען, אַז אויך אדם איז אויף דעמזעלבן קראַנק, האָט זי זיך אַהער געבעטן, אום אינאיינעם מיט אדמען צום מייסטער זיך ווענדן.

– באַווייז זי.

און דאָ דעקט דער פאַרשוין דאָס טישטוכל אָפּ, און פון טאָפּ און פון אינעווייניג, ווי אַ גומי און אויפשפרינגענדיג, אַ צווייטער אדם, ווי אַ צווילינג זיינער, כאַפּט זיך אַרויס, שפרינגט אויף דער ערד אַראָפּ, און פונקט אַנטקעגן אדמען, און פנים אַנטקעגן פנים, בלייבט שטיין.

– וואָס איז דאָ? – ווענדעט זיך דאַן אדם צו די פאַרשוינען, קוקט זיי אַרום, קוקט אָן, באַטראַכט און פאַוואונדערט זיי, און דער עיקר צום ערשטן, צו זיין קאָמעדיאַנט קערעווער זיך:

– וואָס איז דאָ?

– שרעק זיך ניט, ס'איז גאָרניט. ס'איז אַ פּאַציענט נאָך איינער און אַ קאָלעגע צו דיין קרענק דיר. און דער, וואָס האָט אים געבראַכט אַהער, איז, ווי איך ביי דיר, נאָר אַ דינער זיינער... קוק אים אָן.

און אדם גיט דאַן אויפן פאַרשוין, וואָס האָט דעם פּאַציענט געבראַכט אַ קוק, און דערזעהט: אמת, דער פאַרשוין און זיין דינער זיינען איינער אויפן אַנדערן ענליך, און דער פּאַציענט און ער אַליין חזרן זיך איבער. און דאָס, וואָס ס'קומט פאַר אים פאָר, איז אים ניט קלאָר, און פון דעם, וואָס איז פאַר זיינע אויגן געשעהן, מישט זיך אין קאָפּ ביי אים, און וואָס זאָל דאָס הייטן און וואָס זאָל באַטייטן, און וואָס איז פאַר אַ צווילינג, און וואָס פאַר א געמיש דאָ?

– וואָס איז דאָ?

– שרעק זיך ניט, און מיר זיינען ניט איינע, און אַזוינע (זעה!) ווי דו, זיינען אַסך, און אַזוינע (זעה!) ווי מיר, זיינען ניט ווייניג און ניט קיין ביסל.

און אדם טוט אַ קוק און זעהט: – די ווענט פון זיין צימער צוגייען און צענעמען זיך פּאַמעליך, און זיין צימער צו אַ זאַל עפּעס ווערט, און די זאַל פאַרגרעסערט זיך און שוין צו אַ פעלד א גרויס איז ענליך, און דאָס פעלד איז מיט פיל מענשן אָנגעפילט, און די מענשן נאָר פון אדמס און נאָר פון דינערס באַשטייען, און אַלע זיינען אויסגעמישט, און דער עולם איז נאָר פון צוויי מינים אינגאַנצן... און די אדמס זעהען זעהר ערנסט, מיד און בלאַס אויס, און די דינער־מיט דינער־שמייכלאַך אויף די ליפּן... און אַ גרויסע ליכט באַלויכט דאָרט אַלעמען, און די שעה איז שוין אַ שפּעטע און די האַלבע נאַכט אַ נאָהענטע, און מיטאַמאָל – און אַלעמענס אויגן אַרויף ווענדן זיך, און איבערן גאַנצן עולם גייט עפּעס אַ מורמל איבער, און אין אַלעמענס אויגן און אין אַלעמענס מורמל: – „דער מייסטער, דער מייסטער" – פילט זיך...

און פלוצלינג און איבער די קעפּ פון אלע, הויך און אין דער לופט זיך האַלטנדיג, דער מייסטער באַווייזט זיך... און אַלע אדמס דערזעהען אים און דערשרעקן זיך, קאָנען אויף די פיס ניט איינשטיין און פאַלן צו דער ערד אַנידער, און אויך די דינערס דערזעהען אים, און אַז זייערע האַרן זיינען אויף די קני געפאַלן, אָבער די דינערס בלייבן שטיין און אויף זייערע האַרן מיט פאַראַכטונג קוקן... און אויף זייערע ליפּן די שמייכלען צעוואַקסן זיך, גרויסן זיך און פאַרגרעסערן זיך און וואַקסן צו אַ גרויס געלעכטער אויס, און די דינערס לאַכן און לאַכן, און די דינערס ביי די זייטן האַלטן זיך:

– קעלבער! האַרן־נאַרן!...

– קאָמעדיאַנטן! – שרייט דאַן אדם ניט מיט זיין קול דערשראָקן און מיט פחד אויס. און די אויגן ווערן גרויס ביי אים און זעהען ווי פאַרשטאַרטע, פוסטע און ווילדע גלעזער אויס. און ער טוט זיך מיטאַמאָל אַ דערמאָן, און מיט דער האַנט אין שטערן אַ זעץ, און דאָס קאָפּ־און־שאַרבן־דעקל שפרינגט ביי אים ווי פון אַ ענגן שלאָס דאַן אָפּ. און דאַן און צו זיין נאָהענט־שטייענדיגן קאָמעדיאַנט זיך ווענדנדיג, מיט פאָדערונג און באַפעל אויף זיין קאָפּ און אויף זיין אויפגעעפנטן ווייזט:

– אַריין!

און דער קאָמעדיאַנט פאָלגט, און דער קאָמעדיאַנט פאַר זיין האַרס באַפעל דערשרעקט זיך, כאַפּט זיך אין קאָפּ אַריין און לאָזט דאָס דעקל באַלד זיך צושליסן...

און דאָס פעלד ווערט אויס פעלד באַלד, און די פילע פאַרשוינען פאַרשווינדן פונם פעלד. און די ווענט גייען זיך

רות מתלכדים כבתחילה, והחדר שוב חדר, ואף הברייה, שהביאה את החולה, היא והמובא במקומם, עומדים וכמחכים לדברו של אדם.

– לתוך הכלי! – מצווה אדם.

ואדם השני קופץ לתוך הכלי, המשרת חוזר ומכסה את הקדרה במפה, ובעצמו פונה עורפו לאדם, וכאילו לא היה דבר, הוא נבלע חרש מבעד הקיר הנעלם... והקיר שב למקומו הקודם, והחדר שב אליו מראהו, ואדם כבר בדד, אך עייף מאוד ומדוכדך מאוד ממה שהיה. הוא צונח על כיסא, גונח בכבדות על שעבר עליו, מוחה בידו את מצחו, וידו מתלחלחת מצינת־הזיעה...

ומשנרגע, ראה: – השעה חצות לילה, עייפה ומעוייפת תנהר ממנוריות־התיקרה בבואת האור, דממה, דממת חצות־לילה, בחדר ובזוויות תשלט, והקירות לאחר־מה שאירע כממתינים, לחידוש ולתוספת, העומדים להת־רחש.

והקיר, שהאדם צנח כנגדו על כסאו, נפתח לאטו ומסתלק לצדדין... ונראית שדה־מישור גדולה... ובשדה הגדולה, השקטה, נגלית דרך, והרחק באופק נראה האומן בא, ול פניו, כברת דרך גדולה לפניו, סיעת תלמידים, לחם ויין בידיהם, הולכים, כמו אל אדם, ופתאום, ובלב הדרך מבצבץ אי־מזה שולחן ותלמידים באים אליו, מניחים את הלחם ומציגים את היין, ובפנותם חרש לאופק, צופים לאומן ולבואו. והאומן מתקרב, והאומן ניגש והתלמידים מפנים לו את ראש השולחן, נרתעים בדממה ובכבוד, מתייצבים לשולי־השולחן. והאומן זוקף את עיניו וידיו ומברך על השולחן, לחמו ויינו: ברכה לשולחן, ברכה ללחם וליין, ולכם, תלמידים, אכלו את הלחם ושתו את היין וכוונו דעתכם לתלמידנו החדש: אנו הולכים אליו ובאים והיום את כתר טובנו וגורלנו לעצמו יקשור. ותלמידים אוכלים. ותלמידים בוחנים את היין, ובאָכלם יזכרו את דברי האומן ודעתם מכוונת לתלמיד החדש שלא נראה עדיין.

והנה, בחכות האומן שם על־יד תלמידיו באכלם, מהבהב מה לעיני אדם... השדה איננה, והקיר שנפתח, שב למקומו הקודם. דממה... אך בדלת־החדר יש תישמע דפיקת־מה קלה.

– יבוא! – אומר אדם.

תוך אמירת המלה חש אדם אחריות גדולה לאמירתה, ומה שמעבר עומד חיש ליכנס אצלו ולעבור את סיפו, והוא קם מכסאו, ופונה בפניו ובגופו אל הפתח, ובפנותו כן פניית כבוד וצפייה בפתח יתבונן... ופתח־הדלת נפתח והאומן פוסע בראש, ולאחריו תלמידי־השדה ייגלו. ייכנסו ואדם יטול את הכיסא וימהר להגישו לאומן, והאומן יישב וכולם סביבו יתייצבו בעגולה...

כמה ארכו רגעים ראשונים [illegible]ין אדם יודע ואינו נותן דין־וחשבון לעצמו, ונמשכים הרבה הרגעים [illegible] ואורכם רוב אורך, והחדר נמלא דממה, דממת האומן היושב והתלו[illegible] העומדים, ודבר האומן לא הוגד עוד, אולם עד מהרה יישמע:

צונויף ווי פריהער. און דאָס צימער ווערט צימער ווידער, און נאָר דער פאַרשוין, וואָס האָט דעם פאַציענט געבראַכט, אויף זיין אָרט נאָך מיט זיין געבראַכטן שטייען, שטייען און ווי אויף אדמס וואָרט וואַרטן.

-- אין כלי אַריין! -- באַפוילט דאַן אדם.

און דער צווייטער אדם שפּרינגט אין כלי אַריין, דער דינער דעקט דעם טאָפּ ווידער מיט זיין טישטוכל צו, און אַליין קערעוועט זיך צו אדמען מיט דער פּלייצע אויס, און ווי גאָרניט ניט געווען, שטיל דורך דער פאַרשוואונדענער וואַנט ניט פּלייבט... און די וואַנט קערט זיך צו איר פריי־הערדיגן אָרט אום, און דאָס צימער באַקומט זיין אויסזעהן צוריק, און אדם איז אַליין שוין דעמאָלט, אָבער זעהר מיד און זעהר אויסגעמאַטערט פון דעם פאָרגעקומענעם. און ער לאָזט זיך אויף אַבענקל אַראָפּ, זיפצט שווער פון איבערגע־קומענעם אָפּ, טוט זיך מיט דער האַנט איבערן שטערן אַוויש, און די האַנט ביי אים ווערט פון קאַלטן שווייס אים נאַס..

אַז ער באַרוהיגט זיך, זעהט ער: ס'איז האַלבע נאַכט די צייט, מיד און מאַט שלאָגט פון די סטעליע־לעמפלאַך די שיין דאַן אָפּ, אַ שטילקייט, אַ האַלב־נאַכטישע, אין צימער און אין די ווינקלען הערשט, און די ווענט נאָכן פאָרגעקומענעם ווי נאָך עפּעס וואַרטן, אויף נייס און אויף נאָך, וואָס איבערא־נייס דאַרף איצט פאָרקומען...

און די וואַנט, וואָס אדם האָט זיך אַנטקעגן איר אויפן בענקל אַראָפּגעלאָזט, עפנט זיך אויף פאַמעליך און אין אַ זייט גייט אָפּ... אַ גלייך און גרויס פעלד דאַן דערזעהט זיך... און אין גרויסן פעלד, אין שטילן, אַ וועג באַווייזט זיך, אַ וועג, און ווייט אויפן האָריזאָנט זעהט מען דעם מייסטער אָנקומען, און פאַר אים, אויף אַ גרויסער שטרעקע פאָראויס אַ בינטל תלמידים מיט ברויט און מיט וויין אין די הענט, אויפן וועג, ווי צו אדמען, גייען, און מיטאמאל, און אינמיטן וועג וואַקסט פון ערגעץ אַ טיש אַרויס, און תלמידים קומען צו אים צו, לייגן דאָס ברויט אַוועק און שטעלן דעם וויין אַנידער, און שטיל צום האָריזאָנט זיך ווענדנדיג, אויפן מייסטער און אויף זיין אָנקומען וואַרטן, און דער מייסטער דערנעהענט זיך, און דער מייסטער גייט צו, און די תלמידים טרעטן דאָס אָרט אויבן־אָן ביים טיש אים אָפּ, און שווייגנדיג און מיט כבוד אָפּגעטראָטן, ביי די טיש־ראַנדן שטעלן זיך, און דער מייסטער הויבט די הענט און די אויגן אויף און נעמט דעם טיש, דאָס ברויט מיטן וויין בענטשן: -- אַ ברכה אויף דעם טיש, אַ ברכה אויף דעם ברויט און וויין און אויף אייך, תלמידים... עסט דאָס ברויט און טרינקט דעם וויין און האָט אונזערן אַ נייעם תלמיד אין זינען: מיר גייען צו אים און קומען, און היינט וועט ער אויף זיך אונזער גוטס און גורל קרוינען.

און תלמידים עסן, און תלמידים דעם וויין פּרובן, און בשעת עסן דעם מייסטערס ווערטער געדענקען, און דעם נייעם נאָך ניט־געזעהענעם תלמיד שוין אין זינען האַלטן.

און אָט, און ווי דער מייסטער דאָרט נעבן זיינע תלמידים און אויף זייער עסן וואַרט, אַזוי טוט ביי אדמען עפּעס אין די אויגן אַ שווינדל... דאָס פעלד בלייבט ניט, און די וואַנט, וואָס האָט זיך אויפגעעפנט, איז אויף איר פריהעריגן אָרט ווידער, שטיל... נאָר אין דער טיר פון צימער עפּעס אַלייכט קלאַפּן דערהערט זיך:

-- אַריין! – זאָגט אדם.

און מיטן זאָגן פון דעם וואָרט, דערפילט אדם אַ גרויס אחריות פאַרן זאָגן, און אַז דאָס, וואָס פון יענער זייט, דאַרף באַלד צו אים אַריינגיין און זיין שוועל איבערטרעטן, און ער שטייט פון זיין אָרט און זיין בענקל אויף, און מיט פּנים און קערפּער צו דער טיר דאַן ווענדט זיך, און אַזוי, און זיך ווענדנדיג און בכבוד בלייבנדיג, מיט דערוואַרטונג אויף זיין טיר אַרויסקוקט... און די טיר עפנט זיך, און דער מייסטער פאָראויס גייט, און נאָך אים די פעלד־תלמידים באַ־ווייזן זיך, קומען אַריין, און אדם נעמט דאָס בענקל און דערלאַנגט עס דעם מייסטער באַלד, און דער מייסטער זעצט זיך, און אַלע אַרום אים אין אַרעדל שטעלן זיך...

וויפיל ס'געדויערן אַזוי די ערשטע מינוטן, ווייס ניט און גיט זיך קיין רעכענונג ניט אָפּ אדם, און ציהען זיי זיך לאַנג די מינוטן, און געדויערן געדויערן זיי זעהר לאַנג, און דאָס צימער ווערט מיט אַ שטילקייט אָנגעפילט, פון דעם זיצנדיגן מייסטער און פון די תלמידים שטייענדיגע, און דאָס וואָרט פון מייסטער איז נאָך ניט געזאָגט, אָבער באַלד דער־הערט זיך עס:

– אתה עומד בפרק הכתו אדם, וגם אנו עומדים בו, ואנו חייבים להיות עד־מהרה בכיכר הנערפ או! – פונה האומן לכל סובביו – וכל חדרו של אדם נעלם בבת־אחת בות התיקרה והנהרה והקירות והזוויות מס־ביב. והאומן ומלוויו כולם אים בכיכר גדולה ושוממת... ונראה שם: – למלוא־רוחב־הכיכר קיר וה, המגיע שמימה, הוקם. והקיר קיר־חמר ואטום, ומשתרג ועולה בו סולם קל כגידול צמחים משורג, והמעלות והשלבים הם ראשי אנשים ו גולותיהם, והשלבים עודם מעטים מאוד, ועד השמים, ועד רום גובה־הקי צוד המהלך גדול עד מאוד... והכיכר ריקה, ואין בא, ובגבולותיה תשל מה, והבא אליהם, תיפול עליו אימה, והחלש ירחק מן הגבולות עד־מ ר, והחזק ממנו, יסתכן לפעמים ויקרב, אבל כולם נפחדים מיד ונרתע לאחוריהם; נרתעים, ובייחוד בראותם גובה הקיר ומרחקיו, ויתר על כן בהציצם מרחוק בסולם – במה נעשו שלביו ומעלותיו... הם מצדדים ים, אולם אחת בדור המצא כן יימצא מסתכן – יבוא ויגש אל הקיר, פה מחכה לו מקום, מקום־דין־ומשפט, לרבות סדן־מערפה, ותליין ליד ן וחרב גדולה מוכנת. והמסתכן ההוא כבר מזומן, והמסתכן מניח את אשו על הסדן, והתליין מתיזו, כדרכו להתיז... ומשהותז הראש, נותנו התל די הנערף, והנערף נוטלו ועולה עמו בסולם, והסולם מתגבהה כדי ראש והסולם נוסף לו שלב.

והאומן ומלוויו עברו בכי היא, קרבו למקום המשפט והמערף והתליין כבר עמד מוכן; והאומן ראשון את ראשו, אחרי־כן נטלו ועלה עמו בסולם. ואחרי האומן הת דים כולם, וזה־אחר־זה עשו כאותו מעשה, ואחרון היה אדם, וראש ם נעשה הגבוה והאחרון בשלבים.

ויהי ככלותם לעשות אסו אומן כולם, אורה גדולה האירה ממקום פניו, וגם פני התלמידים הוארו ; אספם ובמקום המשפט הושיבם לאמור:

– תלמידים ומוכתרים! ב ם עתה בלא ראשים הביתה, שאריכם וקרו־ביכם יסובוכם ויבכו את מר כם ומזלותיכם, וליצניכם יבואו לפני עיניכם, יתגרו בכם וישמחו על 'מפל תיכם' וישאלו: 'בעלי־מוחות, היכן קיפחתם את ראשיכם?' – ואתם תי ו, ובושים ומבויישים תורו על אור ראשיכם. והם יצחקו ויתלוצצו, ומ נם יאחזו כריסיהם, ויאמרו לכם: 'ליצנים! כיצד תגלגלו עתה את חי בלא ראשיכם, ולתחבולות מי נשמעתם, ולא שמעתם לנו, ועוד כיניתם אותנו ליצנים... ומה יסכון לכם, אם הרות כבר ינדנד את ראשיכם שם על הקיר ואם – מזל יתמזל לכם! – רגלי מי ידרכו עליכם, כדי לתלות עוד ראש מעל ראשיכם... כן יאמרו לכם. שמעו! תנו להם לקרוביכם ויבכו דיים, ותנו להם לשאריכם וינודו לכם דיים; ואשר לליצנים, כאשר תיוותרו עמהם, ספרו להם מעשה בגשר ובגשרא־דכולא. ותגידום לאמור:

דו האלסט ביי קרוינען אדם, און אויך מיר האלטן דערביי, און מיר מוזן באלד אויפן פלאץ פון די געקעפטע זיין, זעהסט! -- ווענדעט זיך דאן דער מייסטער צו אלע ארומיגע -- און דאס גאנצע אדמס צימער פארשווינדט מיט־אמאל, מיט דער סטעליע און מיט ליכטיגקייט און מיט די ווענט און ווינקלען ארום. און דער מייסטער מיט די באגליי־טערס אלע אויף א גרויסן ווילדן פלאץ געפינען זיך... זעהט מען דארט: -- דורך דער גאנצער ברייט פון פלאץ א הויכע וואנט, וואס ביזן הימל דערגרייכט, איז אויפגעשטעלט. און די וואנט איז א ליימיגע און א טויבע, און עפעס א לייכטער לייטער ווי א פלעכטנדיג געוואוקס אויף איר ארויף פלעכט זיך, און די שטאפלען און די טרעפלאך פון מענשליכע קעפ און שארבנס זיינען, און די שטאפלען זיינען נאך ווייניג זעהר, און ביזן הימל, און ביז דער העכסטער הויך פון וואנט איז נאך א מהלך און א גרויסער זעהר... און דער פלאץ איז ליידיג, און קיינער קומט ניט אויף אים, און אויף די גרעניצן זיינע א פוסטקייט הערשט. און ווער ס'קומט צו צו זיי, פאלט אויף אים א מורא אן, און ווער ס'איז שוואך, האלט זיך פון די גרעניצן גאר פון ווייטן, און ווער ס'איז שטאר־קער, שטעלט זיך אמאל איין צו זיי צוגענעהענען, אבער אלע דערשרעקן זיך און באלד אויף צוריק פארקערעווען, פארקערעווען... בפרט, אז די וואנט מ'דערזעהט, ווי הויך און ווייט זי איז, און נאך מער – אז מ'כאפט פון ווייטן אויפן לייטער א קוק - פון וואס זיינע שטאפלען און טרעפלאך באשטייען... גייט מען פון דארט אפ; אבער איינער אין א דור א מאל טרעפט יא די גרעניץ איבער, און איינער אין א צייט א מאל טרעפט זיך יא א איינשטעלער — קומט ער צו דער וואנט צו גיין. און דארט ווארט שוין א ארט אויף אים, א געריכט־און־משפט־ארט, מיט א קלאץ, און א תליון ביי דער קלאץ מיט א גרויסער שווערד אנגעגרייט. און יענער איינ־שטעלער איז שוין גרייט, און דער איינשטעלער־לייגט דעם קאפ אויף דעם קלאץ אהעק, און דער תליון האקט אים אפ, ווי ער האקט... און אז דער קאפ איז אפגעהאקט, גיט אים דער תליון אין די הענט דעם געקעפטן, און דער געקעפטער נעמט אים און גייט מיט אים אויפן לייטער אויף, און דער לייטער דאן מיט א קאפ העכער ווערט, און דעם לייטער קומט דאן א שטאפל צו...

און דער מייסטער מיט די באגלייטער זיינען יענעם פלאץ אריבערגעטראטן, צום ארט פון משפט און קעפן גענעהענט, און דער תליון איז שוין אנגעגרייט געשטאנען; און דער מיי־סטער האט דער ערשטער דעם קאפ אוועקגעלייגט, דערנאך אים גענומען און מיט אים אויפן לייטער אויפגעגאן, און נאכן מייסטער די תלמידים אלע, און איינער נאך איינעם דאסזעלבע, און צום לעצטן איז אדם געווען, און אדמס קאפ איז צום העכסטן און לעצטן שטאפל געווארן.

אז זיי האבן דאס אפגעטאן, האט זיי דער מייסטער צו־נויפגענומען אלעמען, א גרויס ליכטיגקייט האט אים דאן פון ארט פון זיין פנים ארויסגעלויכטן, און אויך די תלמידימס פנימער זיינען מיט ליכט באלויכטן געווען; האט ער זיי צו־נויפגעזאמלט און אויפן ארט פון משפט זיי אויסגעזעצט, אויס־געזעצט און זיי אזוי געזאגט:

-- תלמידים און געקרוינטע! אז איר וועט איצט אהן די קעפ אהיים קומען, וועלן אייך אייערע אייגענע און קרובים ארומשטעלן און אייערע אויסזעהענס און מזלות באוויינען, און אייערע קאמעדיאנטן וועלן אייך פאר די אויגן קומען, וועלן זיך מיט אייך רייצן און אויף אייערע ,,מפלות" זיך פרייען און אייך פרעגן: ,,בעלי־מחות, וואו האט איר די קעפ פארלוירן?" -- און איר וועט זיך פארלירן, און שעמענדיג און פארשעמטע אויף דער ליכט פון אייערע קעפ זיי אנווייזן, און זיי וועלן לאכן און חוזק מאכן, און פאר די בייכער חלען זיי זיך האלטן, און — ,,קאמעדיאנטן!" וועלן זיי אייך זאגן — ,,ווי וועט איר אייער לעבן אהן אייערע קעפ אויסקו־מען, און אויף וועמעס עצות־שטריק האט איר זיך געלאזט, און אונז ניט געהערט, און אונז נאך קאמעדיאנטן אנגערופן... און וואס וועט אייך ארויסקומען, אז דער ווינט וועט שוין אייך אייערע קעפ אויף דער וואנט דארט הוידן, און — א גליק וועט אייך טרעפן! – אז עמיצנס פיס וועלן אויף אייך טרעטן, אום נאך א קאפ אויף איבער אייערע אויפצוהענגען"... אזוי וועט מען אייך זאגן. הערט! לאזט אייערע קרובים זיך אויסוויינען, און אייערע אייגענע זיך אפבאדויערן, און מיט די קאמעדיאנטן, אז איר וועט בלייבן, זאלט איר זיי די מעשה מיטן בריק און מיטן אל־בריק דערציילן.

און אזוי זאגט צו זיי:

– והלא יקרה אסון!...
– ומה יהלוך ממך? ומה לך באין אסון? מה שכרך ומה הפסדך?
– לך, לך, ומה יאמרו הגשלים?
– חַ־חַ!...

והלילה לילה. כוכבי אלים הבהיקו מעבר הגדה מזה, מתחת להר, ומן ההר ומן המשעול שם זקן נודד יורד לקראת הנהר. חיכה לו הגשר, ויהי ברדתו ובהרימו את רגלי הזקן הגדה להציגה על הגשר, ובבקשו לעלות עליו, והנה פתאום ממורד הגשר או מתוך הסוף – הנודד שמע קול.

– עצור!
– מי? מה? – הרתיע הזקן הנפחד את רגלו לגדה.
– אני, הגשר, אליך, הזקן: שאלה לי אליך.
– מה?
– אני זקן ובטל, ואיני רואה תכלית, נחמני.
– ומי העלה את הרעיון בלבך?
– הלץ מן הסוף ועצמותי שלי. רגלי כבר תפחו עד כרסי, והתפיחות עוד מעט ועד מתחת ללבי תגיע...
– ומה?
– וגם רגלי אינן רואות תכלית.
– ובכל זאת?
– ובכל זאת גשר אתה ואתה חייב לדעת את מעשה גשרא־דכולא...

והנודד עלה על הגשר, עד לאמצעו, שמט ילקוטו משכמו, ישב וסיפר:

– גשרא־דכולא, המולך ממעמקי־תהומות עד מרומי־היכלות, הוא, בכלל הדברים האחרים שהבורא לא הספיקה לו שעתו – ונברא בערב שבת בין השמשות... לא עסק בו הקב"ה, לא דיבר עמו ולא החוויר לו את תעודתו,

ועד־מהרה הניחו לנפשו והלך לו – שהבורא יצא לקבל את השבת. וגשרא־דכולא נותר לבדו ובלילה הראשון שגה בדמיונות, ובדממה ובאפלה התבונן בצורת עצמו והיקפו, בהרכבו, והיכן הוא מצוי בעולם. ראה את עצמו, רגליו שקועות בתהום, וראשו נמצא בהיכל נאור; ובהיכל שורה דממת־קודש, ומזה ההיכל הוליך פתח להיכל אחר, ודלתו סגורה. ומעבר לדלת השתעשע הבורא עם שַׁבָּתוֹ לאחר ימות־החול ועייפות העולם...ראשו הניח את דעתו, מה שאין כן רגליו, שכן רגליו היו מצננות ומלוחלחות, שרויות בלחות וחלקלקות, ובמישרץ שרצים משונים, לא הניחו את דעתו. ומחשבתו עליהן לא היתה לטובה, ומכלל מחשבה בא לכלל מורת־רוח, ומכלל מורת־רוח בא לתרעומת; תרעומת על שלא שאלו אותו תחילה, תרעומת על שלא ניתנה לו ברירה, תרעומת על שהבורא לאחר בריאתו נחפז והלך לו, נחפז והלך ולא השתהה עליו... ומשבא לכלל־תרעומת, בא השטן לבקרו ביקור־לילה ראשון, ביקור־עולם:

– אין לו מה שיעשה, והשעה שעת לילה ושבת היא, והבורא עלה עתה להיכלו עליון ואותם – אותו, השטן, וגשרא־דכולא על רגליו – עזב פה בתהומות מתחת... לא איכפת לו: לחות ושרצים שורצים – ישרצו; מאוס וחלקלק – יהא מאוס. הוא שובת.

– כן – הסכים גשרא־דכולא – ועל־שום מה לא שאל אותנו תחילה?

— ס׳קאָן דאָך אָבער אַ אומגליק זיין!...

— איז וואָס גייט עס דיר אָן? און וואָס האָסט דו פון נ י ט קיין אומגליק? וואָס פאַרדינסט דו און וואָס דערלייגסט דו?

— גיי לך, און וואָס וועלן בריקן זאָגן?

— כאַ־כאַ!...

און ס׳איז דאַן בייננאַכט געווען. ליכטיגע שטערן האָבן פון איין זייט פון ברעג, פון אונטער אַ באַרג אַרויסגעשיינט, און פון באַרג און פון אַ סטעזשקע אַ דאָרטיגער האָט מען דערזעהן אַ וואַנדערער צום טייך זיך אַראָפּלאָזן. האָט אים דער בריק אויסגעוואַרט, און אַז ער איז אַראָפּגעקומען און פון ברעג אַ פוס שוין אויפן בריק אַ שטעל געטאָן, אויף אים אַרויפגיין געוואָלט, אַזוי האָט ער פּלוצלינג פון בריק אַראָפּ, צי פון אַטשערעס אַרויס — אַ קול דערהערט, דער וואַנדערער.

— האַלט!

— ווער? וואָס? — האָט זיך דער וואַנדערער דערשראָקן און דעם פוס צוריק צום ברעג אַ כאַפּ געטאָן.

— איך, דער בריק, צו דיר, דעם וואַנדערער: איך האָב דיר וואָס צו פרעגן.

— וואָס?

— איך בין אַלט און אָפּגעפּאָרן, און זעה קיין תכלית, טרייסט מיך.

— און ווער האָט דיר אויפן געדאַנק אַרויפגעפירט?

— דער לץ פון אָטשערעס און מיינע אייגענע ביינער

— זיינען מיינע פיס מיר שוין ביזן בויך געשוואָלן, און דאָס געשווילאַכץ גייט מיר באַלד אונטערן האַרצן אונטער...

— און וואָס?

— און אויך מיינע פיס זעהען קיין תכלית ניט.

— און דאָך?

— און דאָך ביזטו אַ בריק און דו מוזט די מעשה מיטן אַל־בריק וויסן...

און דער וואַנדערער איז אויפן בריק אַרויפגעגאַן, אויף זיין מיט געקומען, האָט פון זיך זיין רוקן־זאַק אַראָפּגעלאָזט, זיך אַוועקגעזעצט און דערציילט:

– דער אַל־בריק, וואָס פירט פון די טיפסטע אָפּגרונטן ביז די העכסטע היכלות, איז – אינאיינעם מיט די אַנדערע זאַכן, וואָס דער האַר גאָט האָט שוין צו זיי קיין צייט געהאַט — פרייטאָג פאַרנאַכט, שוין בין־השמשות־צייט באַשאַפן געוואָרן... זיך לאַנג מיט אים ניט געעסקט, מיט אים ניט גערעדט און זיין באַרוף אים ניט קלאָר געמאַכט, און באַלד אים אַליין איבערגעלאָזט און פון אים אָפּגעגאַן — און דער האַר גאָט איז דעם שבת באַגעגענען אַרויסגעגאַן, און דער אַל־בריק איז אַליין געבליבן און די ערשטע נאַכט פאַרדמיונט געווען, און שטיל און אין דער פינסטער דאַן זיין פאָרם און זיין פאַרנעם, זיין באַשטאַנד, און וואו אין דער וועלט ער געפינט זיך, באַטראַכט. האָט ער זיך דערזעהן, ווי מיט די פיס אין אָפּגרונט שטעקט, און מיטן קאָפּ אין אַ היכל אַ ליכטיגן געפינט זיך; און אין היכל האָט אַ הייליגע שטיל־קייט גערוהט, און פון יענעם היכל האָט אַ טיר ערגעץ אין אַ צווייטן געפירט, און די טיר אַהין איז פאַרמאַכט; און פון יענער זייט טיר האָט יענע נאַכט דער האַר גאָט מיט זיין שבת נאָך דער וואָך און וועלט־מידקייט פאַרבראַכט... איז ער מיט זיין קאָפּ צופרידן געווען זעהר, און מיט זיינע פיס ניט איבע־ריג, ווייל זיינע פיס האָבן אים געקילט און גענעצט, און נעץ און גליטשיקס, און היפל און משונה שרצים האָבן זיך אויף זיי געווידמעט. האָט ער זיך ניט גוט געפילט מיט זיי. האָט ער פון זיי ניט גוטס געטראַכט, און פון טראַכטן איז צו ניט־צופרידנס, און פון ניט־צופרידנס צו תרעומות געקומען; תרעומות, וואָס מען האָט זיך ביי אים ניט אָנגעפרעגט, תרעומות, וואָס מען האָט אים די ברירה ניט געגעבן, תרעומות, וואָס דער האַר גאָט האָט באַלד נאָכן באַשאַפן אים פון אים אַוועק־געאיילט, אַוועקגעאיילט און זיך ביי אים ניט פאַרהאַלטן גאָר...

און ווי ער האָט אַזוי תרעומות באַקומען, אַזוי איז דער שטן צו אים מיט אַ ערשטן נאַכטישן וועלט־וויזיט געקומען:

— ער האָט ניט וואָס צו טון, ס׳איז נאַכט, און ס׳איז שבת, און דער האַר גאָט האָט זיך אין זיין העכסטן היכל איצט פאַרקליבן און זיי — אים, דעם שטן, און דעם אַל־בריק מיט די פיס — האָט אונטן אין די אָפּגרונטן געלאָזט... ס׳גייט אים ניט אָן: נעץ און שרצים ווידמענען זיך — זאָלן זיי. ס׳איז מיאוס און גליטשיק — זאָל מיאוס זיין. ער רוהט איצט.

— יאָ — האָט דער אַל־בריק מסכים געווען — און פאַר־וואָס זיך גאָר ניט אָנגעפרעגט?

– כן על שום מה לא שאל אותנו? ועל־שום־מה כל הנברא לא נברא אלא לעצמו, ואתה בשביל אחרים ולשמם: שידרכו ואף יעברו עליך?...

והשטן הסביר לו לגשרא־דכולא את תעודתו; והראה לו את העולים עליו מן הדורות הראשונים, ואחר־כך מן האחרונים ואחרוני־האחרונים, ואחר כך מרוב דורות ומכולם, וכל העולים מביאים רקק ורוב רטיבות וחלקלקות לגשר, ורבים ממאיסים ומטַמאים אותו, ובעלותם ובטפסם, ובבואם אל אמצעו ובהביטם למטה – ראשיהם מתבלבלים פתאום, והם פולטים את קיאם, ובבלבול־ראשיהם ובקיא־חלקלקותם הם חוזרים ונופלים תהומה... ראה זאת גשרא־דכולא ונבהל ונימאס עליו עסקו, ותקוץ נפשו, ותגדל תרעומתו; או־אז קרב אליו השטן ולחש חרש על אזנו:

– נעלבת, הגשר!

– ובכן, מה?

– הישָׁבֵר!

– מה יהיה?

– תיפול והבורא לא ישמע, כי הבורא עסוק עתה בהיכלו אחרון. ויהי בנפלך, נייסד למטה מלוכה שלנו, ונתחלק במלוכה; ואם כבר גשר – הרי לא לאיחודו של רום ושפל, ולא בעמידה זקופה, שיהו מטפסים וחוזרים ונופלים, כי אם לאיה... אורך ורוחב, והכול יהלכו עליך בקל ובנקל, וקוממיות ולאשר ירצו י... ; והדבר צדקתו עמו; כי התהום אף לה הצדקה, ועל מה נעבור אותו... ם נוכל להיות עצמנו אדונים, והוא ישבות לו פה...

וגשרא־דכולא האזין ... י השטן, והתהרהר, ורעיון רע עלה בו, והביט בו בשטן ובמסית, והש... ר מעליו ונטשו להרהורי־נפשו; וגשרא־דכולא המתין ופקפק, נמלך ... מו, והיסס, ואחרי כן, משנתיישב בדעתו, לא בא בכל־זאת למלוא ... מה...

וקָרָה וחרדת־תהום חי... מלוא אורך־גופו, וירעד וירתת מהסכמת־הן ומהסכמת־לאו, ואף ד... ה גשר, שהיה משוקע בתהום, מעל עצמו ניער. בו ברגע חשך אור־היכ... אשר בו היה נתון בראשו, מפתח־ההיכל השני יצא הבורא; שָׁבוּת ותמ... ביט בגשרא־דכולא, הביט ולא אמר כל־מאום, הביט ושב למנוחת שַׁבָּ... והשטן לא שב עוד מתסורתו מעם הגשר, ורגוז וקנוט ונעלב ממיעוט ה... תו בביקורו ראשון, ומעיני גשרא־דכולא נעלם, ושב כלעומת שבא...

השעה שעת השכמה. יי... ובת בא, ויום שבת אף הוא עבר במנוחה, ועם ערב, בהדלק הנר בד... גשרא־דכולא, שוב לא נראה כאתמול, שַׁבָּתִי, כי אם קלוש והַבְדָלָתִי... לאחר הֵיראות האור, גלה שם הבורא על הסף.

– יאָ. פאַרוואָס זיך ניט אָנגעפרעגט? און פאַרוואָס איז אַלץ געשאַפענעס צוליב זיך אַליין באַשאַפן געוואָרן, און דו פאַר און צוליב אַנדערע: מ׳זאָל אויף דיר טרעטן און דיך נאָר איבערגיין?...

און דער שטן האָט דאָ דעם אַל־בריק זיין באַרוף קלאָר געמאַכט, און געוויזן האָט ער אים פון די ערשטע דורות, דערנאָך פון די שפּעטערע און נאָך שפּעטערע, און דערנאָך פון פיל און פון אַל־די דורות אויפגעהער, ווי אַלע אויפגייענדיגע היפּל מיט זיך ברענגען און פיל נעץ און גליטשיקס אויפן בריק, און אַ סך פאַרמיאוסן און פאַראומרייניגן אים, און – אַרויפגייענדיג און אַרויפדראַפּנדיג זיך, און אַז זיי קומען ביז זיין מיט שוין צו גיין און קוקן אויף אונטן אַראָפּ – פאַרדרייען זיי זיך די קעפּ פּלוצלינג, ברעכן אָפּ און ברעכן אויס, און מיט פאַרדרייטע קעפּ און מיט געבראָכטן גליטש צוריק אין אָפּגרונט פאַלן... האָט דאָס דער אַל־בריק דערזעהן, און איבל איז אים געוואָרן און מיאוס זיין זאַך, און אַ עקל האָט אים אָנגענומען, און נאָך מער תרעומות דערפילט, און דאַן איז דער שטן נעהענטער צו אים צוגעטראָטן און שטיל אים אין אויער איינגעראָמט:

– ביזט באַליידיגט, בריק!...

– איז וואָס?

– ברעך זיך איין!

– איז וואָס וועט זיין?

– וועסטו אַראָפּפאַלן, און דער האַר גאָט וועט ניט הערן, ווייל דער האַר גאָט איז איצט אין זיין לעצטן היכל פאַרנומען. און פאַלסטו אַראָפּ, אַזוי וועלן מיר אונטן אונזערע אַ מלוכה גרינדן; וועלן מיר זיך טיילן מיט דער מלוכה; און אויב שוין אַ בריק – איז ניט די הויך מיט דער נידער פאַראייניגן, און ניט אויפגעשטעלט שטיין, מ׳זאָל זיך דראַפּן און צוריק פאַלן, נאָר די לענג מיט דער ברייט פאַראייניגן, און אַלע וועלן אויף דיר גרינג און לייכט גיין, און גלייך און וואוהין זיי וועלן, וועלן אָנקומען; און די זאַך איז באַרעכטיגט, ווייל אויך דער אָפּגרונט האָט רעכט. און צו וואָס אונז אים דינען, אַז מיר קאָנען אליין האַרן זיין. – און לאָז ער דאָ רוהען...

און דער אַל־בריק האָט דעם שטנס רייד אויסגעהערט, און ער האָט זיך פאַרקלערט, און אַ שלעכטער געדאַנק איז אים אויסגעקומען, און אויפן שטן און אויפן אנריידער האָט ער געקוקט, און דער שטן האָט זיך פון אים אָפּגעקערעוועט און אים אַליין באַטראַכטן געלאָזט; און דער אַל־בריק האָט געוואַרט און געצווייפלט, זיך געישובט און געקווענקלט, און דאַן, און זיך איבערלייגנדיג, דאָך ניט צו קיין גאַנצער הסכמה געקומען...

איז אים אַ קעלט און אַ שוידער פון אָפּגרונט איבער זיין גאַנצער לענג און גאַנצן קערפּער איבערגעגאַן, האָט ער אַ ציטער און אַ טרייסל זיך געטאָן און פון יאָ־הסכמה און ניט־הסכמה האָט ער נאָר אַ שטיקל בריק און דאָס, וואָס ס׳האָט אין אָפּגרונט געשטעקט, פון זיך אָפּגעטרייסלט.

אין דער מינוט איז די ליכט פון זיין היכל, וואו ער האָט מיטן קאָפּ געשטעקט, טונקל געוואָרן, פון דער טיר פונם צווייטן היכל איז דער האַר גאָט אַרויסגעגאַן; אַ באַרוהטער און אַ פאַרוואונדערטער האָט ער אויפן אַל־בריק אַ קוק געטאָן, אַ קוק געטאָן און גאָר ניט ניט געזאָגט, אַ קוק געגעבן און צוריק צו שבתדיגער מנוחה זיך אומגעקערט... און דער שטן האָט זיך שוין פון זיין אויסגעקערעוועטקייט צום אַל־בריק זיך ניט אומגעקערט, און אַ בייזער און ניט־צופרידענער און פון קנאַפּן ערפאָלג פון ערשטן וויזיט זיינעם באַליידיגט, איז פון פאַר אַל־בריקס אויגן פאַרשוואונדן, און פון וואַנען ער איז געקומען, אַהין אַוועקגעגאַן...

ס׳איז שוין פאַרטאָג געוועזן. און דער טאָג פון שבת איז געקומען, און דער טאָג פון שבת איז אויך רוהיג איבערגעגאַן, און אויף דער נאַכט, אַז דאָס ליכט אין היכל פון אַל־בריק האָט זיך אָנגעצונדן, האָט עס שוין ניט ווי נעכטן, שבתדיג, נאָר שוואַכליך און הבדלהדיג אויסגעזעהן, און באַלד נאָכן ליכט־זיך־באַווייזן, האָט זיך דער האַר גאָט דאָרט אויפן שוועל זיך באַוויזן.

– אַ גוטע וואָך! – האָט ער זיך צום אַל־בריק געווענדט.

און דער אַל־בריק האָט זיך זינדיג און געמינערט געפילט.

עפּעס האָט אים געפעלט, און די שטיק, וואָס האָט נעכטן אין אָפּגרונט געשטעקט, איז אים אָפּגעגאַן, און כאָטש קיין פינסטערניש און נעץ פון אָפּגרונט האָט ער שוין ניט געפילט

דערפאַר איז אבער אויך די קרוין זיינע, די ליכט פון זיין קאָפּ טונקל און צוגעשלאָגן געוועזן.

– שבוע טוב! – פנה לג‏ ‏־דכולא.
וגשרא־דכולא חש את ‏ ‏מו חוטא וחסר, דבר מה נחסר ממנו, והחתיכה, ששוקעה אתמול בתהו‏ ‏רה ונפוגה ממנו, ואף שלא חש עוד חשכה ורקק תהום, – הרי גם כתרו, ‏ ‏ראשו, היה אפל ומדועך.
– שבוע טוב! – השיב ‏ ‏רכת־הבורא והשפיל מבוייש את עיניו.
והנה – (מוסיף הנודד ‏ ‏פורו) והנה על שום החתיכה ההיא של גשרא־דכולא לוקים עתה כל ‏ ‏שרים, והאורך והרוחב כבושים בידי השטן, ובכל הגשרים הושיב את לצ‏ ‏הם ממרידים גשרים על תעודתם; יצאו לחפש את החתיכה השבורה, לדי‏ ‏שוב בגשרא־דכולא, וזה ימים רבים, שמחפשים אותה והמחפשים רגלי‏ ‏כבר תפחו מרוב הליכה; ועל חטא ראשו של גשרא־דכולא ועל ח‏ ‏אורו חייבים ראשים הרבה בעריפה, למלא באור־ראשיהם את א‏ ‏ההיכל ההוא.
– 'זאת, תלמידי (מו‏ ‏כאן האומן) – תאמרו להם לליצניכם, בבואם אליכם לצערכם ובהז‏ ‏לכם ובשאלם לראשיכם' –
והאומן משתתק, ויוצא ‏ ‏ר מתוך המעגל. והכיכר ההיא, על קירה ועל סולמה, נעלמת מיד, וד‏ ‏ה חוזרת ונפתחת, אשר ממנה באו האומן ותלמידיו תחילה וממנה נגלי‏ ‏האומן כבר הרחיק, וכבר נתקל בדרך שובו אי

שם באופק, ואור ראשו נראה כבן־עיגול חיוור עולפה, והתלמידים מאחוריו אחוזים זה בזה וגם הם אורות לראשיהם ולחם ויין בידיהם – להביאם לעולם ולאשר האומן יוליכם: הולכים עד היותם סמויים, ואדם תר אחריהם שעה ארוכה, עד היעלמם כליל מעיניו... ועתה, פונה אדם מתור אחריהם, לשוב גם הוא אל אורו הוא לביתו הוא.
ובבוא אדם הביתה והוא מתבונן בחדרו, הוא מוצאו כתמול וכאמש; אך הוא לבדו מוטל במיטתו, ובמקום ראשו אור יאיר; שאריו וקרוביו יסובו מיטתו, ינידו לו ראש ויבכו את מראהו ומזלו, והא מביט בהם ומיצר על בכיים ועל פניהם פני דאבה; ובאחרונה כאשר יעזבו אותו ויתפזרו, והוא ואור ראשו נותרו לבדם, והופיע הליצן ושוב, כרגיל, מוכן לשרתו, וידו כבר בכיסו, לשלוף את הממחטה מתוכה, ומיחוש ראשו – יתחייך אדם, ינענע בידו ולא יתננו כי יקרב, ויאמר. 'למותר, הלא תראה ואל תטרח'...
– מה פירוש – עושה עצמו הליצן כלא־יודע, מיתמם.
– הלא תראה, שירותך אינו דרוש. אני ערוף, ותוכל להשכיר את עצמך לאחר.
ובפתוח הליצן, כפי שהאומן הגיד מראש: 'פירוש?' ו'מאי משמע?' ו'בעל־מוח, היכן קיפחת את ראשך וכו' וכו'' – יתחייך אדם כליל, בעצמו רגוע, ואת הליצן ירגיע, לא יתננו כי יקרב לפָרש לשונותיו, אך יצוונו כי יישב, ואת אשר האומן סיפר לו, יספר לו.

א גוטע וואָך! ‏ ‏האָט ער דעם האר גאָט אויף זיין ברכה געענטפערט און די אויגן פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט.
און ‏ ‏(גיט דאָ דער וואַנדערער צו זיין מעשה צו)
— און איבער יענעם שטיקל פון אַל־בריק מוזן איצט אַלע בריקן אָפּקומען, און די לענג מיט דער ברייט זיינען פון שטן פאַרנומען, און ביי אַלע בריקן האָט ער זיינע לצים באַזעצט, און בריקן ווערן פון זייער באַרוף אָפּגערעדט, און דאָס אָפּגעבראָכן שטיקל האָט מען זיך זוכן אַוועקגעלאָזט, אום עס ווידער מיטן אַל־בריק באַהעפטן, און שוין לאַנג, אַז מ'זוכט עס, און ביי די זוכערס זיינען די פיס פון גיין שוין געשוואָלן; און פאַר דער זינד פון קאָפּ פון אַל־בריק און פאַר זיין ליכט־פאַרמינערונג מוזן פיל קעפּ געקעפּט ווערן, אום מיט דער ליכט פון זייערע קעפּ יענץ היכל־ליכט צו דערפולן. — — —
און – „תלמידים" (גיט דאָ דער מייסטער צו) „דאָס וועט איר אייערע קאָמעדיאַנטן זאָגן, ווען זיי וועלן צו אייך קומען און אייך צער אָנטון, ווען זיי וועלן צו אייך צושטיין און אייך אויף אייערע קעפּ פרעגן."
און דער מייסטער ווערט אַנטשוויגן, און ער גייט באַלד פון רעדל אַרויס. און יענער פּלאַץ פון וואַנט און פון לייטער פאַרשווינדט באַלד, און ס'עפנט זיך ווידער דאָס פעלד דאַן אויף, פון וואַנען דער מייסטער מיט די תלמידים זיינען צום אָנהויב געקומען און זיך באַוויזן פון דאָרט... און דער מייסטער איז שוין ווייט, און ער שפּאַרט שוין צוריק־גייענדיג אויף אַ האָריזאָנט ערגעץ אָן, און דאָס ליכט פון זיין קאָפּ זעהט זיך ווי אַ בלאַס־פאַרחלשט רעדעלע אויס, און די תלמידים אונטער אים האַלטן זיך און אויך מיט די ליכט ביי די קעפּ און מיט ברויט און וויין אין די הענט — אין דער וועלט אַריין און וואוהין דער מייסטער פירט זיי, עס ברענגען; גייען זיי דאָרט און פאַרגייען, און אדם קוקט זיי נאָך אַ צייט, ביז זיי אינגאַנצן פון זיין אויג פאַרשווינדן... און דאַן, און אדם קערעוועט זיך אויס פון זיי נאָכצוקוקן, אום אויך מיט זיין ליכט צו זיך אַהיים זיך אומקערן.
און אַז אדם אַהיים קומט און קוקט זיך דאַן אויף זיין צימער אום, טרעפט ער עס ווי נעכטן און ווי ביינאַכטן געווען; ער אַליין נאָר אין זיין בעט איצט ליגט, און אויפן אָרט פון זיין קאָפּ איז אַ ליכט נאָר לויכט זיך; היימישע און קרובים אַרום זיין בעט שטייען, שאָקלען אויף אים מיט די קעפּ און זיין אויסזעהן און זיין מזל באַוויינען, און ער קוקט זיי אָן און זייער וויינען און זייערע רחמנות־פּנימער באַדויערט, און אַז זיי פאַרלאָזן אים לסוף, צעגייען זיך, און ער אַליין מיט זיין קאָפּ־ליכט בלייבט, און אַז דער קאָמעדיאַנט דאַן באַווייזט זיך, און ווייטער און ווי געוויינט, אים צו דינען אַ גרייטער, און מיט דער האַנט אין דער טאַש שוין, אום פון דאָרט דאָס טיכעלע אַרויסצונעמען, אים דעם קאָפּ־ווייטאָג צו פאַרגרינגערן — צושמייכלט זיך דאַן אדם, טוט מיט דער האַנט אַ מאַך און לאָזט אים ניט צו נאָהענט, און „איבעריג" — טוט אַ זאָג — „זעהסט דאָך, און זיי זיך ניט מטריח"...
— וואָס הייסט? — מאַכט זיך דער קאָמעדיאַנט ניט וויסנדיג, תמעוואַטע.
— זעהסט דאָך, דיין דינסט איז ניט נויטיג, כ'בין געקעפּט, און דו קאָנסט זיך צו עמיצן אַנדערש פאַרדינגען..
און אַז דער קאָמעדיאַנט הויבט אָן, און ווי דער מייסטער האָט פאָראויסגעזאָגט: „סטייטש?" און „וואָס הייסט?"
און „בעל־מח, וואו האָסטו דעם קאָפּ פאַרלוירן" א. אַ. וו. א. אַ. וו. צעשמייכלט זיך שוין גאָר דאן אדם, אליין רוהיג, און דעם קאָמעדיאַנט באַרוהיגט, לאָזט אים ניט צוגיין און מיט דער שפּראַך ניט אַרויס, הייסט אים נאָר זיך זעצן און דאָס וואָס דער מייסטער האָט אים דערציילט, דערציילט אים.

THE STORY OF ADAM

Doubter: Adam

Skeptical influence: his Comedian

Positive influence: the Master

THE MASTER'S STORY

Doubter: the bridge

Skeptical influence: his clown

Positive influence: the wanderer searching for the broken-off portion of the All-Bridge

THE WANDERER'S STORY

Doubter: the All-Bridge

Skeptical influence: Satan

(Positive influence: God)